בס"ד

גליון

# לטהרינו

גליון י"ב – סוכות תשע"ו

נייעס | באריכטן | ארטיקלן | חיזוק | התעוררות

לפני ה' תטהרו
ועד לטהרינו
שע"י קהל יטב לב ומוסדות סאטמאר

א בארימטער שרייבער, וועמענ'ס אור-עלטערן האבן אימיגרירט קיין אמעריקע אין יענע יארן ווען די שטיינער זענען געווען טריפה, האט געשילדערט דעם דעמאלטסדיגן אמעריקע און וויאזוי עס איז געלונגען פאר געציילטע אידן אויפצושטעלן ערליכע דורות אויף דעם קאלטן אמעריקאנעם באדן.

אט איז וואס ער שרייבט:

*מיין זיידע, איז ארויסגעקומען קיין אמעריקע מיט יארן צוריק, נאך מיט א היפשע פאר יאר בעפאר די ביטערע וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן, און צוזאמען מיט אים איז מיטגעקומען אויך זיינס א נאנטער חבר, וועלכער האט געלערנט צוזאמען מיט אים אלס בחור אין די ישיבה אין אייראפע.*

*די צוויי זענען געווען גאר נאנטע ידידים, און צוזאמען האבן זיי זיך מחזק געווען אין אידישקייט ווי ווייט מעגליך, און זיי האבן זיך געמאכט א פעסטע קבלה אז זיי וועלן אפהיטן דעם שבת קודש מיט מסירות נפש ממש, און זיך נישט לאזן רירן פונעם פרייען גייסט וואס עס האט דאן געבושעוועט אויף די אמעריקאנער גאסן.*

*זייענדיג אפגעהיטענע און געהויבענע אינגעלייט האבן זיי זיך טאקע געהאלטן צו זייער קבלה, און האבן געהיטן אויף קדושת השבת בפרט און אויף אידישקייט בכלל מיט פעלזן פעסטע כוחות, נישט זיך אוועקרירנדיג קיין טריט פון תורה ומצוות.*

*אבער נאכדעם וואס עס איז פארבייגעלאפן א שיינע פאר יאר, האט זיך ארויסגעשטעלט דער פאלגענדער מציאות.*

***איינע פון די צוויי חברים האבן אויפגעשטעלט א הערליך דור מיט קינדער און אייניקלעך, אלע יראים ושלמים וועלכע גייען ווייטער אויפן אויסגעטראטענעם דרך וואס דער זיידע האט אין זיי אריינגעפרעגלט און געלערנט, און ער פלעגט שטענדיג שעפן תענוג ונחת רוח צו זעהן בניו כשתילי זתים סביב לשלחנו.***

*לעומת זה, דער אנדערע חבר האט ליידער נישט מצליח געווען מיט די קינדערלעך, און טראץ זיינע פילע השתדלות און פעולות אז זיינע קינדער זאלן אויך נאכפאלגן זיינע ערליכע וועגן און זיי זאלן זיך אויפפירן איידל און ערליך ווי עס ברויך צו זיין, זענען אלע זיינע קינדער, איינס ביי איינס, ליידער אפגעפארן פון אידישן וועג ה"י... קיין שבת, קיין תורה ומצוות, רחמנא ליצלן!....*

***ס'רייסט ביים הארצן, און ס'איז זייער ווייטאגליך... זייער פיינפול...***

*וואס איז דער סוד פון דעם קאנטראסטישן דיפערענץ צווישן די צוויי?... דער חילוק איז זייער פשוט:*

*דער צווייטער חבר האט זיך ארויסגעלאזט אויף די גרויסע אמעריקאנער גאסן, און אנגעהויבן זוכן א פאסיגע פרנסה צו שפייזן זיינע קינדערלעך, אהיימצוברענגען ברויט אין שטוב.*

*נאכן ארומקלעטערן פון איין פלאץ צום צווייטן האט ער ענדליך באוויזן צו שאפן א פרנסה אויף עטליכע טעג, און ער איז געווען מלא שמחה.*

*ס'איז אנגעקומען פרייטאג, און זיין בעל הבית האט דערהערט אז שבת פלאנט ער נישט צוקומען אין די ארבעט אריין, האט ער אים געצייגט די טיר... און געגעבן א אפיציעלן דאקומענט וועלכע לויטעט אז 'ער איז אפגעזאגט געווארן פון זיין דזשאב'...*

*דער ווייטאג איז געווען גאר גרויס, און אהיימקומענדיג פון דער ארבעט האבן די קינדערלעך אין שטוב געהערט ווי דער טאטע קרעכצט **"אוי, אין אמעריקע איז שווער צו זיין א איד..."**.*

*און אזוי האט פאסירט אויך דאס צווייטע מאל ווען ער איז אויפגעזאגט געווארן פון זיין פרישע פרנסה, ער האט טאקע מיט מסירות נפש ווייטער אנגעהאלטן זיין געטריישאפט צום שבת קודש, און אכטונג געגעבן איר נישט מחלל צו זיין חלילה, אבער ס'איז געווען מיט אזא ביטערן טעם אין מויל **"אוי... די שוועריקייטן נעמען נישט קיין עק..."**.*

***ווען זיינע קינדערלעך האבן דאס כסדר געהערט, איז ביי זיי אין מח איינגעקריצט געווארן אז "צו זיין א איד איז ביטער שווער", און זיי האבן באשלאסן זיך נישט אריינצולאזן אין דעם 'ביטערן פלאנטער'...***




אויף זייט 2



# אונזער נוי סוכה

## לכבוד סוכות תשע"ו

**תר"כ:** דעם צאנז'ער רב'ס נוי סוכה
**תרע"ו:** די פינק סליפ'ס אלס נוי סוכה
**תשע"ו:** די "גדר-זיגל" אלס נוי סוכה

פון זייט 1

*די אמעריקאנער גאס איז געווען ברייט אפן, און זיי האבן באשלאסן צו זוכן עפעס וואס איז 'געשמאקער' ווי די קרעכצן ביי זיי אין שטוב...*

*און דעריבער זענען די נאכפאלגן געווען אזוי ביטער...*

*לעומת זה, דער ערשטער חבר ווען ער האט ערהאלטן דעם דאקומענט פון זיין בעל הבית וואס האט אים איינגעמאלדן אז ער זאל זיך זוכן א נייע פרנסה,* ***איז ער אהיימגעקומען אין שטוב און זיך ארויסגעלאזט אין א רקידה'לע... יא!... איר הערט גוט!... ער האט געלויבט און געדאנקט השי"ת וואס האט אים געגעבן די זכי' צו זיין א איד, און טון דעם רצון השם, און מיט פרייד האט ער געצייגט פאר זיינע קינדערלעך דעם דאקומענט אז מען האט אים אויפגעזאגט פון זיין פרנסה, זאגענדיג "דאס איז מיין שטאלץ!... אט מיט די דאקומענטן וועלן מיר שטאלצירן ווען משיח וועט קומען...".***




און דער שרייבער פירט אויס דעם מנהג פון זיין זיידן:

*ווען דער הייליגער יום טוב סוכות איז אנגעקומען האט דער איד צוזאמגעקליבן די אלע דאקומענטן וואס ער האט ערהאלטן פון זיינע בעלי בתים - וואו זיי מעלדן אים איין אז ער איז אויפגעזאגט פון זיין פאסטן צוליב'ן פאקט וואס ער אנטזאגט זיך צו ארבעטן אום שב"ק -* ***און ער האט עס אויפגעהאנגען אין די סוכה, אלס "נוי סוכה"... זה קלי ואנוהו! "דאס איז דער שיינקייט פון א איד" האט ער עקלערט פאר זיינע קינדער מיט א שמייכל.***

*אט דער אינערליכער געפיל פון שמחה און פרייד אז מיר האבן די זכי' צו זיין א איד, און אלע צרות ויסורים זענען גאר א טובה פונעם הייליגן באשעפער, דאס האט גורם געווען אז זיינע קינדער און אייניקלעך האבן געשפירט א גליקליכקייט מיטן פאקט אז זיי האבן די זכי' צו זיין אידישע קינדער, און דעריבער איז דער ערליכער קייט נמשך געווארן אויך אויף ווייטער.*

פאר הונדערט יאר צוריק איז דער שענסטער נוי סוכה געווען די 'פינק סליפס' וועלכע מען האט באקומען 'אין זכות' פון היטן שבת, און מיט הונדערט יאר שפעטער הענגט אין אונזערע סוכות הערליכע און שיינע נוי סוכה: די גדר זיגלען! די צובראכענע אדער אין מיסט-געלייגטע סמארטפאון'ס! דאס באצירט היי יאר אונזער סוכה.

*

**די געשיכטע דערציילט זיך זייער פאסיג שטייענדיג יום טוב סוכות תשע"ו, נאכדעם וואס טויזנטער נשים צדקניות האבן געהאט די זכי' זיך צו הייליגן און רייניגן, און זיך שטארקן אויף די היינטצייטיגע "שמירת שבת" נסיונות, און אוועקווארפן די טעכנאלאגישע כלים פון באזיץ, און מען שפאנט אריין צום יום טוב סוכות ביי די שענסטע נוי-סוכה – דער "גדר זיגל"!**

מיר האבן עס גערופן "היינטצייטיגע שמירת שבת נסיונות". ווען מיר זאלן אביסל אריינטראכטן וואסערע שווערע נסיון עס איז געווען דאס היטן שבת פאר הונדערט יאר, ווען מען האט זיך ריכטיג געמוטשעט פאר פרנסה, און אידן האבן מיט מסירות נפש אין פולן זין פון ווארט פון גארנישט געוואלט הערן און גרייט געווען צו פארלירן די פרנסה (וואס די באדייט דערפון ברויך נישט קיין פירושים אפילו היינטיגע צייטן), ווערן מיר געכאפט אין שאק. מען רעדט נישט פון "לצורך פרנסה" מען רעדט פון "אויפגעבן פרנסה אינגאנצן", מען האט פשוטו כמשמעו נישט געהאט קיין זשאב, אזוי האבן זיך אידן געמוטשעט, אזוי האט מען זיך געפלאגט, און פון זיי איז ארויסגעקומען אידישקייט! פון זיי זענען געבליבן דורות, אידישע ערליכע דורות!

דער היינטיגער דראענדער נסיון פון טעכנאלאגיע שטייט אינגאנצן נישט ווייט פון דער הונדערט-יאר-צוריק נסיון פון שמירת שבת. אויב האט מען זיך דאן געמוטשעט מיט נישט נכשל צו ווערן מיט חילול שבת וועלכע איז אן איסור דאורייתא ממש, פלאגט מען זיך היינט ביטערליך מיטן אינטערנעט/טעכנאלאגיע נסיון, דאס איז אונזער נסיון הדור, און עס איז נישט בלויז די סמארטפאון, עס איז יעדע ריר אין לעבן, אנגעהויבן פון סעלעפאון, קאמפיוטער אין אפיס, טעבלעט'ס, אייפאד'ס, און עם-פי-טרי פלעיער'ס, אלעס איז היינט פארבינדן מיטן אינטערנעט, און דער נסיון איז ביטער שווער און גרעניצט זיך מיט איסורי דאורייתא'ס און מיט חמורות שבחמורות.

סמארטפאונס איז היינט צוטאגס זייער א גאנגבארע זאך. זיך אפצושיידן דערפון, און דאס אוועקצואווארפן נאכדעם וואס מען איז שוין געווארן דערצו עדיקטעט, קען ריכטיג אנגערופן ווערן מסירות נפש, אדער "היינצייטיגע שמירת שבת" נסיון.

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געזאגט: **"ביי די גאנצע וועלט הייסט נוי סוכה שיינע ליילעכער און באפיצונגען. ביי מיר" - פירט אויס דער הייליגער צאנזער רב זי"ע - "איז די שענסטע נוי סוכה, דאס געלט וואס איך טייל אויס פאר אידן ערב סוכות".**

אלע יארן הענגן מיר אויף נוי סוכה און מיר באפוצן די סוכות דאס שענסטע וואס מעגליך. היי יאר אבער קומען מיר אריין אין די סוכה און מיר באגעגענען פרישע נוי סוכה, אזעלכע נוי-סוכה וואס דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט באצייכנט אלס די שענסטע נוי סוכה.

**פאר הונדערט יאר צוריק איז דער שענסטער נוי סוכה געווען די 'פינק סליפס' וועלכע מען האט באקומען 'אין זכות' פון היטן שבת, און מיט הונדערט יאר שפעטער הענגט אין אונזערע סוכות הערליכע און שיינע נוי סוכה: די גדר זיגלען! די צובראכענע אדער אין מיסט-געלייגטע סמארטפאון'ס! דאס באצירט היי יאר אונזער סוכה.**

יא, די מסירות נפש פון די הייפעלע אידן פאר הונדערט יאר צוריק וועלכע האבן מיט שטאלץ

אויף זייט 3

...ווען ער האט ערהאלטן דעם דאקומענט פון זיין בעל הבית וואס האט אים איינגעמאלדן אז ער זאל זיך זוכן א נייע פרנסה, איז ער אהיימגעקומען אין שטוב און זיך ארויסגעלאזט אין א רקידה'לע... יא!... איר הערט גוט!... ער האט געלויבט און געדאנקט השי"ת וואס האט אים געגעבן די זכי' צו זיין א איד, און טון דעם רצון השם, און מיט פרייד האט ער געצייגט פאר זיינע קינדערלעך דעם דאקומענט אז מען האט אים אויפגעזאגט פון זיין פרנסה, זאגענדיג "דאס איז מיין שטאלץ!... אט מיט די דאקומענטן וועלן מיר שטאלצירן ווען משיח וועט קומען...".

לחסות מזרם וממטר:

# פילצאָליגע ביזנעס-לייט אויסגענוצט די ימי הרחמים והרצון צו אינסטאַלירן דעם "גדר" פילטער

## געלונגענע התעוררות אויפוואכונג קאמפיין פון "לטהרינו" שלאגט טיפע ווארצלען – אנשי שלומינו, אנשים ונשים, טרעטן אריין אין די סוכה באשיצט און פארזיכערט פון די בייזע טעכנאלאגיע-ווינטן

דורכאויס די ימי הרחמים והרצון ווען יעדער איד זוכט ארויפצוגיין מדריגות און זיך פארנעמען קבלות טובות צום נייעם יאר איז געלאזט געווארן אין גאנג צווישן אנשי שלומינו א שטארקע התעוררות קאמפיין, צו מעורר זיין די בעלי מסחר וועלכע האבן דערוויל נאכנישט אינסטאלירט דעם שטארקן "גדר"-פילטער, צו פילטערן די סעלפאונס מיט'ן שטארקן פילטער, וואס איז פיל מער ווערד און פארזיכערט ווי די אלגעמיינע גוי'אישע פילטערס.

דער קאמפיין האט ברוך השם געברענגט איבערראשענדע רעזולטאטן, ווען דורכאויס די ימי הרחמים והסליחות און עשרת ימי תשובה האבן פילצאליגע בעלי מסחר, חברי קהלתינו הק', אויסגענוצט די געלעגנהייט און אריבערגעקומען צום גדר-צענטער, וואו די סעלפאונס זענען איבערגעגעבן געווארן פאר די טעקנישאנס וועלכע האבן אינסטאלירט א דעם שטאנדהאפטיגן גדר, כדי צו פארזיכערן אז די סעלפאון איז באשיצט ווי ווייט מעגליך פון די ברייטע און סכנה'דיגע אינטערנעט.

דער קאמפיין וועלכע איז געלאזט געווארן אין גאנג לקראת די ימי הרחמים והרצון תשע"ו האט געברענגט א שטארקע אויפוואכונג ביים ציבור ארויפצולייגן די פילטערס, א זאך וואס יעדער פארשטייט און זעהט איין היינט צוטאגס אז דאס איז קריטיש וויכטיג פאר די אייגענע עתיד און פאר די עתיד פון ערליכע אידישע דורות.

דער קאמפיין האט אריינגענומען א רייע אקטיוויטעטן וועלכע האט צווישן אנדערן אריינגערעכנט פלאקאטן אויף די ווענט און ליפלעטן אויף די טישן וועלכע האבן אויפגעפאדערט דעם עולם אריינצוטרעטן בטהרה און די וויכטיגסטע הכנה צו די הייליגע טעג דורכן ארויפלייגן די פילטערס אויף די פאונס כפי תקנות הקהלה והמוסדות הק'.

ווי געזאגט האט דער קאמפיין געשאפן דעם געוואונטשענעם התעוררות צווישן דעם ציבור, און דורכאויס די ימי הרחמים והסליחות האבן כסדר געשטראמט צענדליגער אנשי שלומינו צו די גדר אפיסעס צו פילטערן די דעווייסעס און זיכער מאכן אז עס איז אויסגעהאלטן און מען קען דערפון נישט צוקומען צו אומגעוואונטשענע סייטס.

די אלע אקטיוויטעטן צווישן אנ"ש איז אין צוגאב צו די הייליגע געפילן וואס נעמען ארום די נשים צדקניות וועלכע האבן אריינגעטרעטן אין די הייליגע טעג נאכן זיך גענצליך אפשאקלען פון די טריפה'נע כלים וועלכע זיי האבן ארויסגעווארפן פון די שטובער, נאך די געוואלדיגע התעוררות וועלכע האט ארומגענומען די אידישע מאמעס ביי די היסטארישע אסיפה "אונזער האפענונג" און נאכן איינשטעל פון די הייליגע תקנה אין די סאטמארער מוסדות הקדושים אז די מאמעס פון תלמידי מוסדותינו הקדושים טארן אויף קיין פאל נישט פארמאגן קיין סמארטפאון אין באזיץ.

די התעוררות וואס האט ארומגענומען די פרויען נאכפאלגנדיג די "אונזער האפענונג" צוזאמענקונפט, איז עפעס וואס האט געטוישט וויליאמסבורג אויף אייביג, ווען אזא זאך ווי סמארטפאונס ביי סאטמארער פרויען איז געווארן א פארגאנגענהייט, און הונדערטער פרויען זענען צוריקגעווארן רואיג, אידישע מאמע'ס פאר זייערע ליבע קינדערלעך.

ווי די עסקנים פון גדר געבן איבער זענען שוין הונדערטער סמארטפאונס געווארן געפילטערט ביי גדר אין די לעצטע עטליכע וואכן און דער פלייץ האלט נאך ווייטער און ווען טאג טעגליך שטראמען אריין צענדליגער אידן וכליהם בידיהם, ברענגענדיג די פאונס אדער אנדערע כלים צו פילטערירן ביי גדר.

לפני מי אתם מטהרין.

---




פון זייט 2

געהאנגען אין די סוכות די פינק סליפ'ס וועלכע מען האט באקומען אין זכות פון היטן שבת, דאס האט געהאלטן די קינדער אין אייניקלעך אין דעם טיפן שטראם און דעם אומאפהאלטבארער שמעלץ טאפ וועלכע האט יעדעס זכר פון אידישקייט ליידער אויסגעריסן פון די אנדערע וועלכע האבן ליידער נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון פון שמירת שבת.

**די מסירות נפש פון אונז, אידישע מאמעס, שטאלצע אידישע פרויען וועלכע האבן היי יאר געטוהן דעם הייליגן שריט אין זייער לעבן און אוועקגעווארפן די סמארטפאונסס; און אזוי אויך די מענער וועלכע האבן אפגעמאכט אז איך מוז מיך מער נישט באניצן מיט קיין סמארטפאון אפילו איך דארף עס וויכטיג "לצורך פרנסה", און האבן זיך אויך איינגעהאנדלט א בעסיק-פאון און אוועקגעלייגט דעם סמארטפאון, אדער די מענער וועלכע קענען נאך לעת עתה נישט אויפגעבן אינגאנצן דעם סמארטפאון אבער האבן ארויפגעלייגט דעם שטארקן "גדר פילטער" און גענומען דאס שטערקסטע לעוועל פון "גדר מעולה" וואס עס איז נאר פארהאן,**

און אזוי ווי דאן הערט מען אויך אצינד גריסן פון אסאך שטובער ווי די טאטע איז אהיימגעקומען אין שטוב און זיך ארויסגעלאזט אין א רקידה'לע... יא!... איר הערט גוט!... ער האט געלויבט און געדאנקט השי"ת וואס האט אים געגעבן די זכי' צו זיין א איד, און טון דעם רצון השם, און מיט פרייד האט ער געצייגט פאר זיינע קינדערלעך דעם "גדר זיגל" אויף מאמי'ס בעסיק-פאון, אפילו עס איז שווער לצורך פרנסה, זאגענדיג "דאס איז מיין שטאלץ!... אט מיט די בעסיק-פאון מיטן "גדר זיגל" וועלן מיר שטאלצירן ווען משיח וועט קומען...".

**די שיינע נוי סוכה וואס וועט באצירן אונזערע סוכות היי יאר, דאס וועט האלטן אונזערע קינדער און אייניקלעך אין דעם שטורעם וועלכע שוועבט אויף די וועלט, דער שטורעם וועלכער לאזט ליידער קיינעם נישט אויס פון אנטרעפן. דאס וועט זיי האלטן און פארזיכערן זייער עתיד אויפן ערליכן אויסגעטרעטענעם וועג!**

וואס טוט מען
מיט די
# אלטע
# סמאַרטפאון?...



אן ערנסטע פראגע וואס ווערט לעצטנ'ס געפרעגט דורך פילע אנ"ש: וואס טוט מען מיט די אלטע סמארטפאון?

דער אמת איז אז עס איז טאקע אן ערנסטע פראגע וואס איז וויכטיג מען זאל דאס אויסשמועסן.

ב"ה הונדערטער נשים צדקניות האבן אין די פאראגאנגענע חדשים אויפגעטוישט זייער סמארטפאון צו א בעיסיק-פאון, כפי תקנות הקהלה והמוסדות און דאס באניץ פון סמארטפאון איז גענצליך עלימינירט געווארן כפי התקנות - אבער אסאך האבן געלאזט אין שטוב דעם אומבאנוצטן סמארטפאון פאר "ספעיר" ווייל עס האט סיי-ווי נישט קיין סערוויס.

## לאזט עס נישט אין שטוב – עס איז א סכנה!

די מבינים אלאמירן און מאכן אויפמערקזאם די חשוב'ע עלטערן אז אפילו אַן אומבאַנוצטע סמאַרטפאון איז אַ שרעקליכע סכנה עס צו האלטן אין שטוב.

יעדע סמארטפאון אפילו אן קיין סערוויס, קען גאנץ שנעל ווערן פארבינדן צו די אינטערנעט ר"ל דורך "ווײ-פײ" אדער אנדערע אופנים, און עס שטעלט די קינדער אין א שרעקליכן געפאר. (אין פאקט קען עס נאך זיין מער שעדליך ווי א פאון וואס מען נוצט, ווייל עס קען ח"ו ליגן חדשים ביי א קינד, און קיינער ווייסט אפילו נישט אז איינער נוצט עס.)

דערפאר איז וויכטיג אז מ'זאל דאס נישט נעמען פאר לייכט, נאר אויב פארמאגט מען אן אלטן, אומבאנוצטן סמארטפאון זאל מען תיכף ומיד פטור ווערן דערפון.

## נו, וואס טוט מען טאקע?

פילצאליגע אידן האבן שוין אריינגעשליידערט דעם סמארטפאון און גארביטש קאנע און זיכער געמאכט אז עס קומט אן אינעם גארביטש-טראק, אנדערע האבן עס פשוט איבערגעלאזט אין די גדר אפיס אדער אין די סעלפאון געשעפטן, וואו עס איז געווען א מעגליכקייט אין עטליכע סטאנציעס צוריקבאקומען געלט פאר איינגעטוישטע סמארטפאונס.

עטליכע עלטערן האבן גאר 'אויסגענוצט' די געלעגנהייט און אוועקגעווארפן דעם סמארטפאון מיט אן אפיציעלן "מעמד", וואס זיי האבן דורכגעפירט, יעדער לויט זיין אופן.

צום ביישפיל, א יונגערמאן שילדערט זיין מעמד: עס איז צואמגערופן געווארן די גאנצע משפחה פון גרויס ביז קליין, און במעמד פון די קינדער האט מען געמאכט א לשם יחוד קוב"ה לקיים המצוה של ובערת הרע מקרבך ועשית ככל אשר יורוך, און צעבראכן דעם סמארטפאון אויף שטיקלעך, ווען יעדעס קינד האט די געלעגנהייט צו דערלאנגען א זעץ פאר דעם משחית... זה חליפתי!

דאס האט נאכגעפאלגט מיט פייערדיגע טענץ פון "לקדש שם שמים" און אנדערע ניגוני תשובה, וואס וועט לאנג פארבלייבן איינגעקריצט אין זייערע הערצער, צו געדענקען די מסירת נפש פון די עלטערן.

וויאזוי מ'טוט נאר נישט, איז גוט, דער עיקר איז נאר "ארויס פון שטוב!"